

# H5N1 "פויגל פלו"
# רעקאמענדאציעס פאר מילך אפעריירער/פראדוציר ער

**צושטאנד:** זייט 2022, איז די הויכע פאטאדזשעניק אוויען אינפלוענזע A ‏(highly pathogenic avian influenza A, HPAI) ווירוס באריכטעט געווארן אין אמעריקא צווישן דאמעסטישע פויגל פלייש, ווילדע פייגלעך, קעץ, אנדערע קליינע חיות און בהמות אזוויי מילך קיען. די ווירוס איז אויך באקאנט אלס H5N1 אדער "פויגל פלו."

אין 2024, זענען עטליכע H5N1 אנצינדונגען געווארן באריכטעט אין אמעריקא צווישן מענטשן וועלכע ארבעטן מיט רויע מילך פון אנגעשטעקטע קיען. מילך אפעריירער קענען העלפן אפשטעלן דאס פארשפרייטונג פונעם ווירו דורך אונטערנעמען מאסנאמען צו נידערן דאס געפאר פון אנצינדונג צווישן זייערע ארבעטער.

**מעגליכע ריזיקעס פאר מענטשן:** די ווערטער "הויכע פאטאדזשעניק" אוויען אינפלוענזע גייט ארויף אויף די פאקט אז דאס ווירוס פאראורזאכט ערנסטע קראנקהייט אין פייגלעך. כאטש וואס די ווירוס האט די מעגליכקייט צו אויךפאראורזאכן ערנסטע קראנקהייט אין מענטשן, האט מען דאס נאכנישט געזען אין די יעצטיגע אמעריקאנער אויסברוך. H5N1 קען ווערן פארשפרייט דורך נישט-פאסטוריזירטע מילך אדער מילך פראדוקטן – און זאכן וועלכע זענען שמוציג פון פיסעס, ליטער, אדער אנדערע קערפער שמוץ פון אנגעשטעקטע פייגלעך און אנדערע חיות.

**רעקאמענדאציעס רעכענען אריין:** באשיצן פארם ארבעטער און חיות, האלטן אויפזיכט פאר קרענקן, און זיכער מאכער אז אייער פארם איז גרייט פאר אויב א חיה ווערט קראנק.

1. **מאכט זיכער אז איר האט גענוג פערזענליכע שיץ געצייג (personal protective equipment, PPE) אדער ווייסט פון וואו עס צו באקומען פון א פארלעסליכע קוואל.**
   - קוקט איבער [רעקאמענדירטע PPE געצייג](www.cdc.gov/bird-flu/prevention/worker-protection-ppe.html).
     www.cdc.gov/bird-flu/prevention/worker-protection-ppe.html
   - אויב איר האט פראגעס איבער PPE, פארבינדט זיך מיט אייער [לאקאלע העלט דעפארטמענט](www.health.ny.gov/contact/contact_information/).
     www.health.ny.gov/contact/contact_information/
   - פארם ארבעטער זאלן טוישן זייער קליידער נאכ'ן קומען אין פארבינדונג מיט קראנקע חיות.

2. **מאכט זיכער אז ארבעטער טראגן פאסיגע PPE ווען זיי ארבעטן מיט חיות וועלכע זענען באוואוסט צו זיין אדער קענען מעגליך זיין אנגעשטעקט מיט H5N1 - און ווען זיי ארבעטן מיט מאטעריאלן פון די דאזיגע חיות, אזוויי רויע מילך.** PPE נעמט אריין די זאכן:



הענטשון




N95 מאסקע אדער N95 רעספירעיטער



זיכערהייט גלעזער אדער פנים פאנצער



קאפ צודעק אדער האר צודעק



שירצל וואס באשיצט קעגן פליסיגקייטן, אויב נויטיג פאר די ארבעט פליכט



קליידער וואס באשיצט קעגן פליסיגקייטן



שיך

### 3. לערנט אויס פאר פארם ארבעטער איבער PPE און אנדערע שיצונג מאסנאמען.

- האלט זיך צוריק פון אנרירן אייער פנים, אויגן, נאז, אדער מויל.
- וואשט אייערע הענט אפט.
- איר זאלט נישט טרינקען רויע מילך אדער עסן רויע מילך פראדוקטן. רויע מילך איז קיינמאל נישט פארזיכערט אויף צו טרינקען.
- טוישט קליידער, ווארפט אוועק איינמאליגע PPE, און דיס-אינפעקטירט איבערבאנוצנדע PPE נאך פארבינדונג מיט קראנקע חיות.
- באקומט אייער יערליכע פלו וואקסין. דאס וועט אייך נישט באשיצן קעגן H5N1, אבער עס צוריקהאלטן די ווירוס פון באקומען די מעגליכקייט זיך צו רוקן צווישן מענטשן, אזוויי די סעזאנישע פלו קען טון.
- איר זאלט נישט עסן, טרינקען, רייכערן, וועיפ'ן, אדער טון סיי וועלכע אנדערע האנט-צו-מויל אקטיוויטעטן אן ערשט וואשן אייערע הענט. נעמט פויזעס אין א ריינע פלאץ אינדרויסן פון די ארבעט/חיות ערטער.

### 4. פירט זיך מיט גוטע בייא-זיכערהייט

- פארשטערקערט בייא-זיכערהייט מיטלען צו האלטן קראנקהייט אוועק פון די פארם און צו פארמיידן דאס פארשפרייטונג אויפ'ן פארם.
- אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס, פארבינדט מיט אייער חיות דאקטער, אגריקולטור און מארקעטס דעפארטמענט (Department of Agriculture and Markets, AGM) ראיאישע חיות דאקטער, און/אדער אמעריקאנער אגריקולטור דעפארטמענט (United States Department of Agriculture, USDA) געגנט חיות דאקטער פאראנטווארטליך (Area Veterinarian In Charge).
- באגרעניצט באריהרונג מיט קראנקע חיות פאר בלויז גאר וויכטיגע איינגעשטעלטע.

### 5. לאזט וויסן פאר אייערע לאקאלע העלט דעפארטמענט אויב א פארם ארבעטער קומט אין באריהרונג מיט א קראנקע חיות. פארבינדט זיך אויך מיט זיי אויב סיי וועלכע פארם ארבעטער וואס איז געקומען אין באריהרונג מיט א קראנקע חיה אנטוויקלט סימפטאמען.

- צייכענס און סימפטאמען פון H5N1 אנצינדונג אין מענטשן קענען אריינרעכענען: אויגן רויטקייט/ווייטאג/ציפן, היסן, האלז וויי, רונעדיגע אדער פאשטאפטע נאז, מוסקל אדער קערפער ווייטאגן, קאפ וויי, מידעקייט, אטעמען פראבלעמען, פיבער, און דייעריע.




**פאר אפדעיטס אויפ'ן צושטאנד, ענטפערס אויף אפט געפרעגטע פראגעס, און זיכערהייט רעקאמענדאציעס:**

USDA חיות און פלאנצונגען געזונטהייט אונטערזוכונג סערוויס (Animal and Plant Health Inspection Service, APHIS) וועבבלאט

www.aphis.usda.gov/livestock-poultry-disease/avian/avian-influenza/hpai-detections/livestock

**בלייבט אפ-טו-דעיט איבער אנווייזונג:**

ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט'ס (New York State Department of Health) וועבזייטל

www.health.ny.gov/diseases/communicable/influenza/avian/

Cornell Cooperative Extension
Central New York Dairy, Livestock and Field Crops

NEW YORK STATE | Department of Health